רבקה באַסמאַן בן־חיים

## כ׳האָב ווידער געלאָזט אויף אַ באַנק אַ בלימל

★

כ׳האָב ווידער געלאָזט אויף אַ באַנק אַ בלימל.
ניט בלוי, אַן אַנדער קאָליר,
ניט אָנגעזאָגט מער –
וואַרטן אויף מיר.

כ׳האָב שוין געלערנט, אַז קיינער וואַרט ניט
און קיינער קומט ניט צוריק.
כ׳האָב שוין געלערנט אַז קיינעם אַרט ניט –
אומגליק צי גליק.

כ׳האָב שוין געלערנט, אַז לאָזן אַ בלימל
ערגעץ אין גאַס אויף אַ באַנק
מיינט תמיד פֿאַרלירן, תמיד פֿאַרלירן,
בלויז אויסהיטן טיף אַ פֿאַרלאַנג.

★

מיינסט אַז ווערטער שטעלן זיך ניט אויס
קאָפּויער?
אויסהאַלטן דעם זכרון
קאָן בלויז דער רעגן.
זיין גרויער וואָלקן
וואָס יאָמערט אויף וועגן
גלייכט אויס די ווערטער
און לאָזט זיי דערציילן –

מיינסט אַז ווערטער ווילן דעם טרויער?
זיי ווילן אַנטלויפֿן
צו זוניקע יאָרן,
נאָר ווי אויף צולהכעיס
פֿאַרשטעלט דער זכרון די זון
און בלייבט מיטן וואָלקן
וואָס רעגנט און בליט
און לאָזט איבער
ווי טרייסט, אַ מתּנה
אַ ליד.

## אַ נאַכט ביים ים

פֿאַר סאָניע ליס

איך זיץ אַ מאָל ביים ים,
און ניט אַליין.
אין געדענקשאַפֿט זיינען פֿריינד אָנצאָליקע.
עס רעדט דער ים צו מיר
דער אייביק איצטיקער
און דער אַמאָליקער.
אַן ערשטער שטערן שיינט אין ים אַריין
און רוימט אַריין דעם סוד פֿון צייט
אין זיינע טיפֿן,
און שטערן קומען, ווי מיט רעגן־טראָפּנס זילבערנע
אויף מיינע וויעס טריפֿן.
דעמאָלט ווערט די נאַכט אַ ים
וואו ס'קומט אַ שטערנוועלט צו גיין –
איך זיץ אַ מאָל ביים ים
און ניט אַליין.

⋆

אַ ליד איז טאַקע אַ וועלט ווירטועל
נאָך איידער אַנטפּלעקט דעם באַגריף,
איך קען געפינען אַלץ וואָס איך וויל,
אַ וואָרט קאָן ווערן אַ שיף

און וויגן מיך ווייט, ווינטיק און שטיל
אויף וואַסערן קלאָר ווי אַ טרער,
און ברענגען צוריק אַהיים ווען איך וויל,
מיר ווייזן אַ וועלט ניט פֿאַרקערט.

אַ ליד קאָן זיין אַ וועלט ווירטועל
ווי לאַנג אַ וואָרט ווערט ליד
און כל־זמן אַ וואָלקן פֿאַרשטעלט ניט די זון
וואָס באַגלייט אין וועג מיינע טריט.

⋆

ווען צייטן קומען זיך צונויף צוריק,
אַ צייט פֿון טרער, אַ צייט פֿון פֿרייד,
אַנטלויפֿט די שעה די איצטיקע,
ווי מיטן ווינט פֿאַרגייט.

זיי קומען זיך צוריק צונויף
און נעמען דיך אין קרייז אַריין
וואו קיינער ווייסט ניט ווער עס פירט
דעם אייביקן יאָר־אויס יאָר־איין.

פֿאַרשוואונדן ווערט דער פֿלינקער טראָט
און צייט איז אָן אַ ברעג
און ס׳קומט אַ גלעטנדיקע שיין
און פֿירט אין וועג.